

# דער וועקער אלבום

ISBN: ISBN:0-657-14506-8
Barcode/EAN: 9780657145064

Old Call #: 6010

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 14506

# DER ROYTER ALBUM

## P. Novik

*Permanent preservation of this book was made possible
by Caryn J. Clayman
In memory of Rebecca Clayman*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*

*Arie & Ida Crown Memorial*

*The Seymour Grubman Family*

*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*

*Max Palevsky*

*Robert Price*

*Righteous Persons Foundation*

*Lief D. Rosenblatt*

*Sarah and Ben Torchinsky*

*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

---

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

# דער רויטער אלבום

## בילדער פון די רעוואָלוציאָנערן פון דער וועלט

צוזאמענגעשטעלט פון

פ. נ אָ ו ו י ק

פאַרלאַג „פרייהייט“
ניו יאָרק, 1925.

# פאָרוואָרט

דער דאָזיקער אַלבום איז, אויף ווי ווייט אונז איז באַקאַנט, דער ערשטער פּאַרזוך צונויפצוזאַמלען די בילדער פון רעוואָלוציאָנערן פון פאַרשיידענע לענדער און פאַרשיידענע צייטן, צווישן צוויי טאָוולען. און דאָ זיינען באַגעגנט געוואָרן די געוויינטלאַכע שוועריקייטן, וואָס ווערט באַגעגנט ביי פּיאָנער־אַרבעט.

ווען מען שטייט אויף די באַריקאַדן, אָדער ווען מען לויפט פון לאַנד צו לאַנד — פאָטאָגראַפירט מען זיך ניט. ניט עס ליגט אין קאָפּ, ניט עס ווילט זיך, ניט מען טאָר עס. אויב נאָך אַ רעוואָלוציאָנער אָדער מאַרטירער פון פאַרגאַנגענע צייטן, אָדער פון לענדער וואו רעפּאָרטערס לויפן ניט נאָך דעם עולם מיט פאָטאָגראַף־אַפּאַראַטן איז פאַרבליבן אַ בילד, איז דאָס פּשוט על פי נס.

מייסטענס איז דאָס אַ שלעכט בילד. די „חשוב'ע“ בורזשואַזע זשורנאַלן, וואָס דרוקן זיך אויף גוטן פּאַפּיר און האָבן צו זייער דינסט די קינסטלער פון פאַך, זיינען צופיל פאַרנומען מיט אַקטריסעס און מאָדעס. בילדער פון רעוואָלוציאָנערן דרוקן זיי זייער ניט גערן, אָדער אינגאַנצן ניט. אויף וויפיל עס זיינען בכלל דאָ אַזעלכע בילדער, איז זיי ניט לייכט צו געפינען. די ביבליאָטעקן זיינען בורזשואַזע אינסטיטוציעס. זיי האָבן ביי זיך מיט פיל זאָרג פאַררעגיסטרירט וואו מען קען קריגן דאָס בילד פון איעדן פירשט און פּרינץ. דאָס בילד פון אַן אַמאָליקן רעוואָלוציאָנער, אַ מאַרטירער, אַ בונטאַר, האָבן זיי זיך ניט געזאָרגט אָפּצוהיטן. נאָך ווייניקער זאָרגן זיי זיך צו זאַמלען די בילדער פון די היינטיקע רעוואָלוציאָנערן, וואָס ווילן „פאַרניכטן די אינסטיטוציעס פון דער ציוויליזאַציע“.

דאָס איינענע בנוגע די דאַטן צו די בילדער.

נאָר אין איין לאַנד—אין, דער איינציקער אַרבעטער־רעפּובליק—ווערן אַזעלכע בילדער מיט גרויס זאָרג געזאַמלט. ווען ניט די זשורנאַלן פון סאָוועט־רוסלאַנד וואָלט דער אַלבום געהאַט מיט צענדליקער בילדער ווייניקער, און בילדער וויכטיקע און זעלטענע. אָבער צום באַדויערן האָבן מיר צוליב פאַרשטענדלאַכע סיבות ניט געהאַט די מיגלאַכקייטן צו קענען אינגאַנצן אויסנוצן די רייכע אַרכיוון, וואָס די ד אָ ר ט י ק ע ביבליאָטעקן און מוזייען פאַרמאָגן אויף דעם געביט און אויסנוצן די אַרבעט פון די פאַך־קינסטלער, וואָס די סאָוועטן מאַכט האָט געשטעלט צום דינסט פון די אינסטיטוציעס.

דאָס זאָלן נעמען אין אַכט די וואָס וועלן אין דעם אַלבום ניט געפינען אַ בילד וואָס וואָלט דאָ געדאַרפט זיין, אָדער וועלן זיך אָנשטויסן אויף אַ בילד, וואָס איז ניט אַזוי גוט אַרויסגעקומען.

ניו יאָרק, יולי, 1925.



**טיבעריוס גראַקכוס**

163—133 פ. ק.

רעוואָלוציאָנער פון אַלטן רוים, מאַרטירער, געקעמפט דערפאַר, אַז די ערד זאָל צוטיילט ווערן צווישן די אָרימע.



**גאַיוס גראַקכוס**

153 פ. ק.—121 פ. ק.

אומגעקומען אין קאַמף פאַר די אידייען פון זיין ברודער. פאַר דעם האָט ער זיך דערשלאָגן געוויסע רעפאָרמען.



**ספּאַרטאַק**

—71 פ. ק.

אָנפירער פון׳ם אויפשטאַנד פון די שקלאַפן אין אַלטן רוים, פיר יאָר געהאַלטן די רוימישע אימפעריע אין שרעק.



## דזשוזעפּאַ מאַדזיני

1872—1805

איטאַליעניִשער רעוואָלוציאָנער, אַנטיילגענומען
אין אַ ריי אויפשטאַנדן און רעוואָלוציעס, גע-
האָלפן גרינדן דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל.



## זשאָרדאַנאָ ברונאָ

1600—1548

איטאַליעניִשער פריידענקער און פילאָזאָף. זיבן
יאָר געפּייניקט געוואָרן פון דער אינקוויזיציע.
פאַרברענט געוואָרן אויפ'ן שייטער־הויפן.



## דזשוזעפּאַ גאַריבאַלדי

1882—1807

מוטיקער איטאַליעניִשער פרייהייטס־קעמפער
באַפרייט דאָס לאַנד פון עסטרייכישן יאָך. איי-
טאַליעניִשער פאָלקס־העלד.



## זשיאַצינטאָ סעראַטי

—1874

איטאַליענישער רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישער פירער. אַנטי־מיליטאַריסט, רעדאַקטירט די „אַוואַנטי“. איצט פּעטיקער קאָמוניסט.



## אַמאַדעאָ באָרדיגאַ

—1889

פירער פון דער איטאַ־ליענישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און איינער פון אירע גרינדער. אינזשע־נער. טוער פון קאָמינטערן.



## טערראַטשיני

פירער פון דער איטאַליענישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און מיטגליד פון דעם אויספיר קאָמיטעט פון קאָ־וניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.



מאַטעאָטי

—1924

איטאַליענישער סאָציאַליסטישער מאַרטירער. בימער באַקעמפּט די פאַשיסטן און דערפאַר פון זיי ברוטאַל דערמאָרדעט געוואָרן.



לאַיאָס קאָשוט

1894—1802

אונגאַרישער און אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציאָנער און קעמפער. איינער פון די פירער פון די אייראָפּעאישע רעוואָלוציעס אין 1848.



## בעלא קון

—1886

געווען דער הויפּט פון דער אונגאַרישער סאָוועטן רעגירונג. איצט טעטיקער מיטגליד פון קאָמינטערן און מיטגליד פון אויספיר־קאָמיטעט.



## טיבאָר סאַמועלי

1919—

קריגס־קאָמיסאַר פון דער אונגאַרישער סאָוועטן־רעפּובליק. דערשאָסן פון קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן ווען די סאָוועטן־מאַכט איז געפאַלן.



## ע. וואַרגאַ

אונגאַרישער קאָמוניסטישער פירער, עקאָנאָמיסט. געווען איינער פון די קאָמיסאַרן פון דער אונגאַרישער סאָוועטן־רעגירונג.



## דזשיימס קאָנאָלי

1916—1872

בלענצנדיקער פירער און גרינדער פון דער רע־
וואָלוציאָנערסאַצ. באַוועגונג אין אירלאַנד. דער־
שאָסן פון לאָיד־דזשאָרזש־הענדערסאָן רעגירונג.



## ראָדזשער קייסמענט

1916—1864

איירישער העלדישער פרייהייטסקעמפער און
מאַרטירער. אויפגעהאַנגען געוואָרן דורך דער
ענגלישער רעגירונג.



## דזשיימס לאַרקין

—1879

רעוואָלוציאָנערער פירער פון די אירלענדישע
אַרבעטער, טעטיק געווען אין דער אַמעריקאַנער
קאָמוניסטישער באַוועגונג.



## עמאָן דע־וואַלעראַ

—1882

פירער פון דער אייִרישער רעוואָלוציע קעגן ענג־לאַנד, געזעסן אין טורמע. ערשטער פּרעזידענט פון דער אומלעגאַלער אייִרישער רעפּובליק.



## יאהאנדאס גאַנדי

— 1869

פירער פון די אונטערדריקטע מאַסן פון אינדיע. קעמפט קעגן ענגלישן יאָך. פרייהייט־קעמפער און מאָראַליסט.



## מאַנאַבענדראַנאַט ראַי

—1890

קאָמוניסטישער פירער פון אינדיען. אויף דעם 4טן קאָנגרעס פון קאָמינטערן אויסגעקליבן אַלס קאַנדידאַט אין אויספירקאָמיטעט.



## סעמיועל עדעמס

1803—1722

איינער פון די אנגעזעענסטע און ראדיקאלסטע
פירער פון .דער אמעריקאנער רעוואלוציע קעגן
ענגלאנד. זשורנאליסט, פייערדיקער אניטאטאר.



## טאָמאס פעין

1809—1737

פירער פון דער אמעריקאנער רעוואלוציע קעגן
ענגלאנד. אנטייל גענומען אין דער פראנצויזי-
שער רעוואלוציע. געקעמפט קעגן רעליגיע.



## פעטריק הענרי

1799—1736

פייערדיקער פאלקס רעדנער פון דער אמעריקא-
נער רעוואלוציע. דער ערשטער ארויסגעטראטן
קעגן ענגלאנד דורך א רעדע אין געריכט.



## טאָמאַס דזשעפערסאָן

1824—1743

פירער פון דער אמעריקאנער רעוואלוציע, האט געשאפן די „דעקלאראציע פון אומאפהענגיקייט”. דריטער אמעריקאנער פרעזידענט.



## דזשאן בראון

1859—1820

העלדישער קעמפער פאר דער באפרייאונג פון די נעגערס, אויפגעהאנגען געווארן פאר זיין באוואפנטן אויפשטאנד בא „הארפער'ס פערי”.



## ווענדעל פיליפס

1884—1811

קעמפער קעגן נעגער־שקלאפעריי, בארימטער א־אטאר. פרעזידענט פון דער „אנטי־סלייווע־רי־ליג”. מוטיקער פרייהייט־קעמפער.



## איברעהעם לינקאָלן

1865—1809

אמעריקאנער פרעזידענט, באפרייער פון די נעגערס, אנגעפירט צוליב דעם א בלוטיקע מלחמה מיט די דרום־שטאטן. דערמארדעט געווארן.



## ביטשער סטאָו

1896—1811

פארפאסערין פון „אנקל טאם'ס קעבין", דער ראמאן, וואס האט אנגעצונדן די הערצער קעגן דער שקלאפעריי פון די נעגערס אין אמעריקע.



## וויליאם ללאָיד געריסאָן

1879—1805

ראדיקאלער קעמפער קעגן נעגער־שקלאפעריי. גרינדער און פרעזידענט פון דער „אמעריקען אנטי־סלייווערי סאסייעטי".



## אויגוסט שפּיז

1887—1855

די פאלגנדיקע אכט בילדער שטעלן מיט זיך פאר
א בלוטיק קאפּיטל פון דעם קלאסנקאמף אין
אמעריקע. דאס זיינען די בילדער פון די שי־



## אַלבערט פּאַרסאָנס

1887—1848

קאנער מארטירער, וואס זיינען פאר׳משפט גע־
ווארן פון א קינטשנעריכט אן א שום באווייזן.
שפּיז, פּארסאנס, לינג, פישער און ענגעל זיי־



## לואיס לינג

1887—1864

נען דעם 11טן נאוועמבער, 1887, אויפגעהאנגען
געווארן. פילדן, ניב און שוואב האבן געקראגן
שווערע טערמינען טורמע. די אלע זיינען גע־



## אַדאָלף פישער

1887—1862

זוען די קעפּ פון דער אנארכיסטישער באוועד
גונג צווישן די דייטשן און אמעריקאנער, שרייד
בער פון דער „ארבעטער־צייטונג“ און „אלארם“,



## געאָרג ענגעל

1887—1836

רעדנער, ארגאניזאטארס. זיי האבן נעקראגן די
ברוטאלע אורטייל'ן כלומרשט ווייל זיי האבן גע־
רופן צו טעראר,, און דערפאר וואס עמיצער





## סעמיועל פילדן

—1847

האט נעווארפן א באמבע אויפ'ן היימארקעט
סקוועער, אבער אין דער אמת'ן האט זיך דער
אמעריקאנער קאפיטאל אפגערעכנט מיט זיי פאר



## אָסקאַר ניב

**—1850**

דער אכט־שעה־ארבעט באוועגונג, וואס האט זיך
דאן אנגעהויבן. די לינטשעריי האט אויפגערו־
דערט אמעריקע און אייראפא. די לויה פון די



## מיכאַעל שוואַב

**1853**

געהאנגענע איז געווען א דעמאנסטראציע. הונ־
דערט און פופציק טויזנט מענטשן האבן די מאר־
טירער באגלייט צו זייער ברודער־קבר.



## יאָהאַן מאסט

**1906—1846**

אנארכיסטישער פירער, טעארעטיקער און פרא־
פאגאנדיסט. געזעסן אין טורמע אין דייטשלאנד,
ענגלאנד און אמעריקע. שריפטשטעלער, רעדנער.



## פרידריך זאָרגע

1906—1827

גענעראל סעקרעטאר פון 1־טן אינטערנאציאנאל, קארל מארקס׳ א חבר. מארקס׳ בריוו צו אים שטעלן מיט זיך פאר א גרויסן ווערט.



## אלעקסאנדער יאָנאַס

1912—1834

איינער פון די גרינדער און גלענצנדיקסטע פי־רער פון דער סאציאליסטישער באוועגונג אין אמעריקע, רעדאקטירט די „פאלקס־ציימונג".



## הענרי דזשאָרדזש

1897—1839

פאטער פון דער אוטאפיסטישער „סינגל טעקס" באוועגונג אין אמעריקע, עקאנאמיסט און פאלי־טיקער. געוועזן אן ארבעטער, א דרוקער.



## דעניעל דעליאָן

1914—1842

אומפּאַמפּראָמיסלאָכער רעוואָלוציאָנערער פירער
פון דער ארבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע. דער
קאָפּ פון דער ס. ל. פּ.



## יודזשין וויקטאָר דעבס

—1855

רעוואָלוציאָנערער וועטעראַן, פירער פון באַן־
סטרייק אין 1892, געזעסן 10 יאָר טורמע בעת'ן
קריג. אויף דער עלטער פאַרבליבן מיט די נעלע.



## וויליאַם הייוואָוד

—1869

רעוואָלוציאָנערער קעמפער, פירער פון די „א. וו.
או דהי וו.". געקראָגן 20 יאָר טורמע בעת דער
מלחמה. אנטלאָפן קיין רוסלאַנד.



**דוד עדעלשטאט**

1892—1866

פאפולערער אידישער ארבעטער דיכטער, אנארכיסט. פארפאסער פון די לידער „מיין צואה", „מיר ווערן געהאסט און געטריבן", א. א.



**עדואַרד בעלאמי**

1898—1850

אמעריקאנער ראמאניסט, פארפאסער פון סאָציאליסטיש־אוטאפיסטישן בוך "אין הונדערט יאר ארום", איבערזעצט אויף פיל שפראכן.



**מאָרים ווינטשעווסקי**

—1857

ערשטער אידישער ארבעטער־דיכטער, וועטעראן פון דער אידישער ארבעטער באוועגונג. אין 1924 געמאכט א טריאומף־רייזע איבער רוסלאנד.



**טשאַרלז רוטענבערג**

—1882

פירער און סעקרעטאַר פון דער וואָרקערס פּאַר־
טי פון אַמעריקע. דריי מאָל פאַר־משפט געוואָרן
צו פיל יאָרן טורמע.



**דזשאָן ריד**

1920—1887

אַמעריקאַנער קאָמוניסטישער פירער, איינער פון
די גרינדער פון קאָמינטערן, געשטאָרבן אין
מאָסקווע, אין סאַמע מיטן קאַכיקער טעטיקייט.



**וויליאַם ז. פאָסטער**

—1881

פירער פון דער וואָרקערס פּאַרטיי פון אַמערי־
קע. אָרגאַניזאַטאָר פון שטאָל־סטרייק אין 1919.
גרינדער פון די טרייד יוניאָן עד. ליגס.



## אַלעקסאַנדר האָוואַט

רעוואָלוציאָנערער פירער פון די קוילן־גרעבער
אין אַמעריקע. קעמפט קעגן דער רעאַקציאָנערער
פאָרם פון טרייד־יוניאָניזם.



## „מוטער דזשאָונס“

—1831

אַלטע פייערדיקע קעמפערין צווישן די קוילן־
גרעבער אין אַמעריקע· אידייאיש אָן אנהענגערן
פון שטרענגן טרייד־יוניאָניזם·



## דזשיימס מעקלאַפלין

—1869

רעוואָלוציאָנערער פירער פון די מיינערס אין
נאָוואָ סקאָשיאַ, קאַנאַדע, קעמפט קעגן דער רע־
אַקציאָנערער מאַשין, פאַר׳משפּט געוועזן צו טורמע



## טאָמאַס מוני

קרבן פון מלחמה פאַטריאָטיזם, פאַר׳משפּט געווען צום טויט אויף אַ באָמבע־בלבול אין סאַן פראַנציסקאָ, קאַליפאָרניאַ.



## ניקאָלאַ סאַקקאָ

—1890

קרבן פון אַמעריקאַנישן קאַפּיטאַליזם און פון ווילסאָן׳ס פּאָגראָמען אויף „רויטע”. ווערט געהאַלטן אין טורמע פאַר מאָרד־בלבול.



## באַרטאָלאָמעאָ וואַנצעטי

—1888

אַרעסטירט צוזאַמען מיט סאַקאָ׳ן, אויף׳ן אייגענעם בלבול. זשורנאַליסט און שריפטשטעלער, טוער צווישן די איטאַליענישע אַרבעטער.



## פּאַול קראַוטש

נעקראַגן 40 יאָר טורמע פאַר קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע אין דער אַרמיי. נאָך שאַרפע פּראָ־טעסטן איז די שטראָף פאַרביטן אויף 3 יאָר.



## וואָלטער טרומבאָל

פאַר׳מישפּט געוואָרן צוזאַמען מיט קראַוטש׳ן אין 1925. זייער פּראָצעס איז דער ערשטער קאָמוניס־טישער פּראָצעס אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי.



## דזשעק לאָנדאָן

1916—1876

באַרימטער אַמעריקאַנער אַרבעטער־שריפטשטע־לער, סאָציאַליסט. געקעמפט מיט זיין פעדער קעגן דער איצטיקער אָרדנונג.



## געאָרגי קירקאָוו

1919—1865

גלענצנדיקער פירער פון דער בולגארישער ק. פ., ארגאניזאטאר, זשורנאליסט, אויסגעצייכנטער רעדנער, דעפוטאט אין פארלאמענט.



## קאָלאראָוו

—1876

בולגארישער קאמוניסטישער פירער. סעקרעטאר פון אויספיר־קאמיטעט פון קאמוניסטישן אינטער־נאציאנאל. פארטרעטער פון די באלקאן לענדער.



## וואָלטשאָ־איוואַנאָוו

1925—

בולגארישער קאמוניסט, ברוטאל דערמארדעט געווארן פון דער צאנקאוו־רעגירונג צוזאמען מיט מאסן אנדערע קאמוניסטן.



## יאַנקאָוו

—1925

בולגארישער קאמוניסט, ברוטאל דערמארדעט געווארן. זון פון מאקעדאנישן רעוואלוציאנער, וואס מ'האט דערמארדעט אין טערקיי (1903).



## מאַרקאָ פריִדמאַן

—1925

העלדישער פירער פון די קאמוניסטן אין בולגאריע. עפענטלאך אויפגעהאנגען געווארן פון דער צאנקאוו־רעגירונג.



## מינקאָוו

—1925

בולגארישער קאמוניסט, ברוטאל דערמארדעט געווארן פון דער צאנקאוו־רעגירונג אין דער אייגענער צייט וואס יאנקאוו.



## צעזאַר דע־פּאַפּע

1890—1841

איינער פון די גרינדער פון ערשטן אינטערנאַ־
ציאָנאַל און פון דער ארבעטער באוועגונג אין
בעלגיע. שריפטשטעלער און פּראָפּאַגאַנדיסט.



## זשאַן וואָלדער

1896—1855

איינער פון די גלענצנדיקסטע און איבערגעגע־
בנסטע טוער פון דער בעלגישער סאציאליסטי־
שער באוועגונג. זשורנאַליסט און ארגאַניזאַטאָר.



## עמיל ווערהארן

1916—1855

דער רויטער זשעניע, בעלגישער דיכטער פון
ארבעט און רעוואָלוציע. צופעליק דער'הרג'עט
געוואָרן פון א צוג אין פראַנקרייך.



## פרידריך ענגעלס

1895—1820

פארפאסער פון „קאמוניסטישן מאניפעסט“ (מיט מארקס'ן), גרינדער פון ערשטן אינטערנאציאנאל, חבר און מיטקעמפער פון קארל מארקס.



## קאַרל מאַרקס

1883—1818

נביא פון אלוועלטלאכן ארבעטער־קלאס. פאטער פון וויסנשאפטלאכן רעוואלוציאנערן סאציאליזם. האט אנגעצייכנט דעם וועג פאר א נייער עפאכע.



## פערדינאנד לאַסאַל

1864—1825

גלענצענדיקער סאציאליסטישער פירער. גרינדער פון דער דייטשער ארבעטער־באוועגונג. פילאזאף, עקאנאמיסט, יוריסט, שריפטשטעלער, אראטאר.



## פערדינאַנד פרייליגראַט

1876—1810

דייטשער רעוואָלוציאָנערער דיכטער, מיטרעדאַקטאָר פון קאַרל מאַרקס' „נייע רהיינישע ציי־טונג“. אנטייל גענומען אין רעוואָלוציע פון 1848



## פרידריך לעסנער

1900—1825

מיטגליד פון גענעראַל־ראַט פון ערשטן אינטער־נאַציאָנאַל. הייסער אנהייננער און פריינט פון מאַרקס'ן. א שניידער.



## געאָרג הערוועג

1875—1817

רעוואָלוציאָנערער דייטשער דיכטער, שטעלט זיך אין 1848 בראַש פון באוואָפנטע ארבעטער. פאַר־פאַסער פון „און דו אקערסט און דו זייסט“.



### ווילהעלם וויטלינג

1871—1809

ערשטער דייטשער קאַמוניסט, אַ שניידער, פאַר־פאַסער פון אַ קאַמוניסטישער בראָשור נאָך אין 1832, און גרעסערע קאַמוניסטישע ווערק.



### יאָהאַן יאַקאָבי

1877—1805

דייטשער סאָציאַליסט און פּאָליטיקער, איינער פון די אָנגעזעענסטע פירער פון דער רעוואָלו־ציע אין יאָר 1848.



### יאָהאַן בעקער

1886—1809

דייטש־שווייצאַרישער קעמפער. פירער פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי פון באַדן בעת דער דייטשער רעוואָלוציע פון 1848.



## משה העס

**1875—1812**

איינער פון די ערשטע סאָציאַליסטן אין דייטש־לאנד, געאַרבעט צוזאמען מיט ראָבאַר'ן, באַגרינדער פון דייטשן „פילאָזאָפישן סאָציאַליזם“



## יאָזעף דיצגען

**1888—1827**

דייטש־אַמעריקאַנישער סאָציאַליסטישער טוער, פילאָזאָף. רעדאַקטירט דעם „סאָציאַליסט“ אין ניו יאָרק און די שיקאַגער „אַרב.־צייטונג“.



## ווילהעלם וואָלף

**1864—1809**

איינער פון די ערשטע דייטשע סאָציאַליסטן, זיך באַטייליקט אין דער רעוואָלוציע פון 1848, מיטגעאַרבעט מיט מאַרקס און ענגעלס.



## ווילהעלם ליבקנעכט

**1900—1826**

גלענצענדיקער רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישער פירער, גרינדער פון דער דייטשער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, מאַרקסיסטישער שריפטשטעלער.



## אויגוסט בעבעל

**1913—1840**

איינער פון די גרינדער פון דער דייטשער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. פירער פון אינטערנאַציאָנאַל. געווען אַן אַרבעטער, אַ טאָקער.



## פּאָול זינגער

**1911—1844**

איינער פון די באַדייטנדסטע בויער און פירער פון דער דייטשער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, גלענצנדיקער אָרגאַניזאַטאָר, פּאַרטיי־פּאַרזיצער.



### יאָהאַנעס ווערדע

1890—1843

דייטשער ארבעטער־פּאָעט, רעדאַקטאָר, וויכטי־
קער סאָציאַליסטישער טוער פון דער דייטשער
פּאַרטיי אין צייט פון סאָציאַליסטן־געזעץ.



### טעאָדאָר יאָרק

1874—1830

איינער פון די גרינדער פון לאַסאַל'ס "ארבעטער
פאַראיין„, און שפּעטער, מיט ליבקנעכט און
בעבעל, גרינדער פון דער ס. ד. פּ.



### געאָרג דעמלער

1886—1804

איינער פון די ערשטע אַנגעזעענע פירער פון
דער דייטשער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, זיך
באַטייליקט אין דער רעוואָלוציע פון 1848.



קארל ליבקנעכט

1919—1871

מוטיקער רעוואלוציאנערער פירער, העלדישער קעמפער קעגן מיליטאריזם. פירער פון די „ספארטאקיסטן“. ברוטאל דערמארדעט געווארן.



ראָזא לוקסעמבורג

1919—1871

גלענצנדיקע קעמפערין און דיינקערין, פירערין פון לינקן פליגל אין 2־טן אינטערנאציאנאל. דער־מארדעט געווארן אין זעלבן טאג וואס ליבקנעכט.



פראנין מעהרינג

1919—1846

דייטשער סאציאליסטישער דענקער, היסטאָרי־קער און זשורנאליסט. רעוואלוציאנערער מארק־סיסט. פירער פון די „ספארטאקיסטן“.



## יעווגעני לעווינע

1919—

פירער פון דער סאָוועטן־רעוואָלוציע אין בייערן,
גלענצנדיקער אָרגאַניזאַטאָר. זשורנאַליסט. דער־
שאָסן געוואָרן ביים פאַלן פון סאָוועטן־מאַכט.



## קורט אייזנער

1919—1867

גלענצענדיקער רעוואָלוציאָנערער פירער, פרע־
מיער פון דער בייערישער סאָציאַליסטישער רע־
גירונג, שריפטשטעלער. דערשאָסן געוואָרן.



## גוסטאַוו לאַנדאַוער

1919—1870

רעוואָלוציאָנערער פירער פון בייערן, בילדונג־
קאָמיסאַר פון דער בייערשער סאָוועטן־רעגירונג.
ברוטאַל דערמאָרדעט געוואָרן.



## עריק מיזאַם

—1878

רעוואָלוציאָנערער דיכטער, מיטגעאַרבעט מיט דער בייערשער סאָוועטן־רעגירונג און אָפּגעזעסן איבער פינף יאָר אין טורמע.



## ערנסט טאָלער

—1894

דייטשער קאָמוניסטישער דראַמאַטורג, אַנטייל גענומען אין דער בייערשער סאָוועטן־רעגירונג, אָפּגעזעסן דערפאַר פינף יאָר טורמע.



## געאָרג לעדעבור

—1850

אַלטער דייטשער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליסט־בעבעלס 'אַ חבר. מיטהעלפער פון קאַרל ליבקנעכט אין ספּאַרטאַקוס־אויפשטאַנד.



## קלאַראַ צעטקין

—1856

העלדישע דייטשע רעוואָלוציאָנערקע, אינטער־נאַציאָנאַלע קאָמוניסטישע פירערין• רעדאַקטירט די „גלייכהייט".



## טהאַלמאַן

—1886

פירער פון דער דייטשער קאָמוניסטישער פאַר־טיי, פרעזידענט קאַנדידאַט אין די וואַלן פון 1925. טראַנספאָרט־אַרבעטער.



## רוט פישער

—1895

פירערין פון דער דייטשער קאָמוניסטישער פאַר־טיי און מיטגליד פון אויספיר־קאָמיטעט פון קאָמינטערן. דעפּוטאַטקע.



## יאָהאַן הוס

1415—

באהעמישער מארטירער, רעפארמער פון פופצנטן יארהונדערט. פארברענט געווארן אויפ'ן שייטער־הויפן פאר זיין קאמף קעגן פאנאטיזם.



## באָגומיר שמעראל

—1888

פירער פון דער טשעכאסלאוואקישער קא־ווניסטישער פארטיי, רעדאקטאר, מיטגליד פון אויספיר קאמיטעט פון קאמינטערן.



## סען קאטאיאמא

—1858

יאפאנעזישער קאמוניסטישער פירער, מיטגליד פון קאמוניסטישן אינטערנאציאנאל און איינער פון זיינע גרינדער.



## סון־יאַט־סען

1925—1866

פאַטער פון דער כינעזישער רעוואלוציע. דאָק־טאָר. אין 1921 אויסגעקליבן געוואָרן פּרעזי־דענט פון כינא. גרינדער פון דער פאַלקס־פּאַרטיי.



## דמיטרי טוצאָוויטש

1914—1881

רעוואלוציאָנערער פירער פון דער סערבישער ארבעטער־באַוועגונג, פון דער באַלקאַנישער סאָצ. פעדעראַציע. אומגעקומען אויפ׳ן שלאַכטפעלד.



## וויקטאָר אדלער

1918—1852

גרינדער פון דער עסטרייכישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און פירער פון אינטערנאַציאָנאַל. געוואָרן א פּאַטריאָט בעת דער מלחמה.



## טהאָמאַס מאָר

1535—1478

פארפאסער פון בוך „אוטאפיע”. געקעמפט אין ענגלישן פארלאמענט קעגן הענריך דעם 7־טן און איז דערפאר געקעפט געווארן.



## אָליווער קראָמוועל

1658—1599

פירער פון דער ענגלישער רעוואלוציע, האט געלאזט קעפן דעם קעניג טשארלז 1, געגעבן ענגלאנד די ערשטע פרייהייטן.



## ראָבערט אָוען

1818—1771

דער ערשטער פון די „אוטאָפּיסטן“, די פאָר־פּאָטערס פון דעם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם. יע־שאַפן קאָמוניסטישע קאָלאָניע אין אַמעריקע.



## טהאָמאַס הוד

1845—1799

באַליבטער ענגלישער פאָלקס־דיכטער, פאַרפאַסער פון „דאַס ליד פון דעם העמד“, און אַנדערע אַר־בעטער־לידער



## וויליאַם מאָרים

1896—1843

ענגלישער סאָציאַליסט, דיכטער און דעקאָראַ־ציאָנס־קינסטלער. גרינדער פון „סאָציאַליסט ליג“, פאַרפאַסער פון ראָמאַן „ניוס פראָם נאָווהער“.



## היינדמאַן

1922—1842

פירער און גרינדער פון דער "בריטיש סאשיע־
ליסט פארטי„ (איצט קאמוניסטישע). בעת דער
מלחמה אויסגעשלאסן געווארן פאר פאטריאטיזם



## עלענאָרא מארקס

1898—1853

אינגסטע און באנאבטסטע טאכטער פון קארל
מארקס. איינע פון די ערשטע אקטיווע טוער פון
דער סאציאליסטישער באוועגונג אין ענגלאנד.



## קייר האַרדי

1915—1856

גרינדער פון דער ענגלישער „אינדעפענדענט
לייבאר פארטי”, פירער פון אינטערנאציאנאל.
אנגעהויבן ארבעטן צו 7 יאר אין די קוילן גרובן.



## טאָמאַס מאַן

—1856

קאמוניסטישער טוער פון ענגלאנד, מיטגליד פון אויספיר־קאמיטעט פון קאמינטערן. אלטער רע־וואָלוציאָנערער ארבעטער פירער.



## אַרטור מאַקמאַנוס

—1889

פאַרזיצער פון דער ענגלישער קאַמוניסטישער פאַרטיי און מיטגליד פון אויספיר־קאַמיטעט פון קאַמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. אַן אַרבעטער.



## דזשיימס סטיואַרט

פירער פון דער ענגלישער קאַמוניסטישער פאַר־טיי אין ענגלאַנד און דעלעגאַט צום קאַמוניס־טישן אינטערנאַציאָנאַל. אַן אַרבעטער.



## יאָזע ריזאל

1896—1861

פיליפינער דיכטער, פרייהייטס־קעמפער און מאר־
טירער, נרינדער פון דער פרייהייט־באוועגונג
אין די פיליפינען.



## טאדעאוש קאָסטשושקא

1817—1754

פוילישער פרייהייטס־העלד, זיך באטייליקט אין
דער אמעריקאנער רעוואלוציע. פירער פון פוי־
לישן אויפשטאנד קעגן רוסלאנד אין 1794.



## בערעק יאָסעלעוויטש

1809—

אידיש־פוילישער פרייהייטס־העלד, הויפט פון
דעם אידישן רעגימענט אין קאשטשושקא׳ס אר־
מיי. זיך אויסגעצייכנט ביים פארטיידיקן ווארשע



## לעאָן יאַגיכעס־טישקא

1919—1867

גרינדער פון דער פוילישער ס. ד. און גלענצנ־
דיקער פירער. מיטגעארבעט מיט לוקסעמבורג'ן
אין דער דייטשער באוועגונג. ערמארדעט געווארן



## יוליאַן מאַרכלעווסקי

1925—1866

לייטנדיקער גייסט פון דער פוילישער קאמוניס־
טישער באוועגונג, מארקסיסטישער טעארעטי־
קער און ארגאניזאטאר.



## א. ווארסקי

פוילישער קאמוניסטישער פירער. איינער פון
די גרינדער פון דער פוילישער סאציאליסטישער
באוועגונג. שריפטשטעלער.



## פעליקס קאָן

—1864

איינער פון די עלטסטע פוילישע סאציאליסטן און אנגעזעענער טוער פון קאמינטערן. פיל יאר אפּגעקומען אויף קאטארגע און פארשיקונג.



## בראָניסלאַוו גראָסער

1912—

גלענצנדיקער פירער פון „בונד“ אין פוילן. אויף זיין נאמען עקזיסטירן פיל ארבעטער־קלובן אין פוילן און רוסלאנד.



## דאָמבאַל

קאמוניסטישער פירער, געווען פאר'משפט צום טויט, אויסגעלייזט געווארן דורך דער סאוועטן־רעגירונג. געווען דעפּוטאט אין סיים.



## לאַנצוצקי

פוילישער קאָמוניסטישער דעפּוטאַט, פאַר'משפּט צום טויט דורך דער פּוילישער רעגירונג. פאַר־ביטן אויף לעבנסלענגלאַכע געפענגניש.



## באַגינסקי

—1925

פּוילישער אָפיציר, פאַר'משפּט פאַר קאָמוניסטי־שער טעטיקייט, ברוטאַל דערמאָרדעט געוואָרן פון א פּוילישן פּאָליציאַנט



## ווענטשאָרקעוויטש

—1925

פוילישער אָפיציר, דערמאָרדעט געוואָרן צוזאַ־מען מיט באַגינסקי'ן, ווען מ'האָט זיי געפירט קיין רוסלאַנד צום אויסבייטן.



## פראַנסואַ וואָלטער

1778—1694

פראַנצויזישער קעמפער קעגן פאַנאַטיזם, אַלזייטיקער שריפטשטעלער, דענקער און פילאָזאָף, געהאָלפן שאַפן דעם באָדן פאַר דער רעוואָלוציע.



## זשאַן זשאַק רוסאָ

1778—1712

פילאָזאָף און דענקער. האָט צונישט געמאַכט די ציוויליזאַציע. זיין אידייע וועגן פאָלקס־הערשאַפט איז געווען די פאָן פון די יאַקאָבינער.



## גאַבריעל מיראַבאָ

1790—1749

איינער פון די ערשטע גלענצנדיקסטע פירער פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, דער גרעסטער אָראַטאָר פון זיין צייט.



## דאנטאָן

1794—1759

איינער פון די זיילן פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציע, פאפולערער פאלקסטריבון. אומגעקומען אין קאמף מיט ראבעספיער'ן.



## מאַקסימיליאן ראָבעספיער

1794—1758

באדייטענדיקסטער פירער און דיקטאטאר פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציע. הויפט פון קאמיטעט פאר געזעלשאפטלאכע זיכערקייט.



## זשאַן פאָל מאראט

1793—1743

איינער פון די דיקטאטארס פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציע, רעדאקטאר. דער־שטאכן געווארן פון א קאנטר־רעוואלוציאנערקע.



## קאַמיל דעמולען

1794—1760

פייערדיקער זשורנאַליסט און פאָלקס־פּאָעט פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. דער ערשטער גערופן דאָס פאָלק צום געווער.



## פראַנסואַ באַבעף

1797—1760

איינער פון די לעצטע פירער פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, אָרגאַניזירט דעם אויפשטאַנד קעגן דער דירעקטאָריע.



## אַנטואַן סאַן־זשיסט

1794—1767

איינער פון די הויפּט־פירער פון רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל אין די לעצטע סטאַדיען פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.



**פּיער בעראנזשע**

1857—1790

פראַנצויזישער דיכטער און רעוואָלוציאָנער, נע־
נומען אַנטייל אין פּאַריזער יולי־אויפשטאַנד און
אין דער רעוואָלוציע פון 1848.



**אַרמאַן באַרבעס**

1870—1809

פראַנצויזישער סאָציאַליסט און רעוואָלוציאָנער,
יאָרנלאַנג אָפּגעזעסן אין טורמע צוליב זיין קאמף
קעגן לואי פיליפּ און נאפּאָלעאָן דעם 3טן.



**אַלעקסאַנדער אַלבער**

1895—1815

פּאַריזער אַרבעטער, פירער פון דער רעוואָלוציע
אין 1848, מיטגליד פון דער צייטווייליקער רעגי־
רונג, פּאַרשיקט צוליב'ן יוני־אויפשטאַנד.



## לוֹאי בלאַן

1881—1811

פירער פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע אין 1848, מיטגליד פון דער צייטווייליקער רעגירונג. אנגעזעענער עקאנאמיסט.



## שארל פוריע

1837—1772

איינער פון די פארפאטערס פון סאציאליזם, די אוטאפיסטן. האט פרובירט איינפירן סאציאליזם דורך קאאפעראטיווע קאמונעס.



## סען סימאָן

1825—1760

איינער פון די דענקער־„אוטאפיסטן“, פארפאַסער פון א ריי ווערק, וואס האבן געהאלפן לייגן דעם פונדאמענט פאר'ן סאציאליזם.



## פיער זשאָזעף פרודאָן

1865—1809

אפּאסטאל פון אנאַרכיזם, עקאַנאָמיסט, שריפט־שטעלער און פילאָזאָף. פּראָפעסער פון „די פי־לאָזאָפיע פון אָרימקייט“, א. א.



## לואי אוגוסט בלאַנקי

1881—1805

מוטיקער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָנער. פירער פון די אויפשטאַנדן אין 1839 און 1848. נשמה פון פּאַריזער קאָמונע. געשאַפן דעם „בלאַנקיזם“.



## עליזע רעקליו

1905—1830

אַנאַרכיסט, אַנטיילנעמער אין דער פּאַריזער קאָמונע, געלערנטער, נעקראָגן א טויט־אורטייל, פאַרביטן אָף שטענדיקער אַרויסשיקונג.



## ל. זש. דעלעקליוז

1871—1809

אויסערן קאמיסאר פון דער פאריזער קאמונע און אייגער פון אירע שענסטע פירער. אומגעקומען אויף די באריקאדן



## לואיז מישעל

1905—1833

העלדין פון דער פאריזער קאמונע, אנגעפירט מיט א רעגימענט, וואס האט זיך געשלאגן מיט די „ווערסאלער“ קאנטר־רעוואלוציאנערן.



## יאראָסלאָוו דאָמבראָווסקי

1871—1835

הויפט־קאמאנדיר פון דער ארמיי פון דער פא־ריזער קאמונע. באגאנגען זעלבסטמארד אויף דער באריקאדע.



## זש. ב. מיליער

**1871—**

מיטגליד פון דער קאמונע, זשורנאליסט, מיט־
ארבעטער פון דער "מארסעליעזע". דערשאסן
געווארן נאך'ן פאלן פון דער קאמונע.



## שאַרל פעררע

**1871—1846**

איינער פון די הויפט־פירער פון דער פאריזער
קאמונע, פארזיצער פון „קאמיטעט פאר געזעל־
שאפטלאכע זיכערקייט". מארטירער.



## ל. נ. ראָסעל

**1871—1844**

העלדישער מארטירער פון דער קאמונע, קריגס־
קאמיסאר, גלענצנדיקער אנפירער פון דער פאר־
טיידיקונג פון פאריז. הינגעריכטעט



## פעליקס פיאַ

1889—1810

פראנצויזישער רעוואלוציאנער, איינער פון די ראדיקאלסטע מוער פון דער פאריזער קאמונע. איינטייל גענומען אין דער רעוואלוציע פון 1848



## בענואַ מאלאַן

1893—1841

מיטגליד פון דער קאמונע, איינער פון די ארגאניזאטארן פון ערשטן אינטערנאציאנאל, רעדאקטירט סאציאליסטישע צייטונגען. אן ארבעטער־



## גוסטאַוו קלוסערע

1900—1823

מיטגליד פון דער קאמונע, גענעראל, מיטגעארבעט מיט באקונין, זיך אויסגעצייכנט אין אמעריקאנעם בירגערקריג.



## אַדאָלף אַססי

1886—1840

מיטגליד פון דער פאריזער קאמונע. פארזיצער פון פאריזער צענטראל קאמיטעט. טוער פון ערשטן אינטערנאציאנאל.



## גאַמבאָן

1871—

מיטגליד פון קאמיטעט פאר געזעלשאפטלאכע זיכערקייט. ברוטאל דערמארדעט געווארן אין מיטן גאס נאכ'ן פאלן פון דער קאמונע.



## פּאַסקאַל גרוסע

1909—1845

אויסערן־קאמיסאר פון דער פאריזער קאמונע, זשורנאליסט. איז פארשיקט געווארן דורך דער קאנטער־רעוואלוציאנערער רעגירונג.



## קורנע

**1871—**

טוער פון דער קאמונע, מיטגליד פון קאמיטעט פאר געזעלשאפטלאכע זיכערקייט. דערמארדעט געווארן פון די „ווערסאלער“.



## יודזשין ווערלען

**1871—1839**

איינער פון די טעטיקסטע טוער פון דער קאמונע, און פון די גרינדער פון ערשטן אינטערנאציאנאל. ברוטאל דערמארדעט געווארן.



## זשיול וואַללעי

**1885—1833**

פירער פון דער קאמונע, שריפטשטעלער. ארויסגעגעבן סאציאליסטישע צייטונג. פאר׳משפט געווארן צום טויט פון די „ווערסאלער“. אנטלאפן.



## גוסטאַוו קורבעט

1877—1819

פראַנצויזישער רעוואָלוציאָנער, מאָלער, פאַרזיי־
צער פון דער קאָמיסיע איבער קונסט און מוזע־
אומס בא דער רעגירונג פון פאַריזער קאָמונע.



## גוסטאַוו פלוראַנס

1871—1838

מיטגליד פון דער קאָמונע, איינער פון די פירער
פון דער רעוואָלוציאָנערער גוואַרדיע. געפאַלן
אויף די באַריקאַדן.



## פראַנסואַ ווערמאָרעל

1871—

טעטיקער קעמפער און פירער פון דער קאָמונע.
געגרינדעט די ערשטע פראַנצויזישע סאָציאַליס־
טישע צייטונג. געפאַלן אויף די באַריקאַדן.



## קאָמונאַר 1

„נעממ אראפּ די היטלען! איך וועל ריידן וועגן
די העלדן פון דער קאמונע!
וויפיל זיינען זיי געווען? ווער קען איבערציילן?



## קאָמונאַר 2

פרעגט די גאסן פון פּאריז, די מיטראַלעיעזן פון
די קאזארמעס פון לאבא, דעם לוקסעמבורגער
גארטן, די שאמאנער בערג, די פארבלוטיקטע



## קאָמונאַר 3

ברעטער פון די טרונעס אין לאשעוו, די גרינע
סקווערן וואס זיינען פארוואנדלט געווארן אין
בעת עלמין'ס, וואו מ'האט ביינאכט פון די פריי־



## קאָמונאַר 4

שע קברים ארויס געקענט הערן ווי א באגראַ־
בענער גוססט.
בלוט איז גערונען טייכנווייז. דאס וואסער פון



## קאָמונאַר 5

דער סענע איז רויט געוואָרן. די קערפּערס פון
די דערמאָרדעטע האבן זיך געוואַלגערט אויף
די גאסן אויף א שטח פון טויזנטער קוואדראט



## קאָמונאַר 6

מייל, איין קערפּער איבער'ן אַנדערן. די רעדער
פון די ווערסאַלער הארמאטן זיינען ביז די
אקסן געווען ארומגעקלעפּט מיט בלוט און מאַרך



## קאָמונאַר 7

ווי מיט בלאטע. אין פארלויף פון פופצן טעג
האט מען געקוילעט אן א משפט. פאריז איז
פארוואנדלט געווארן אין איין גרויסע, אומ־



## קאָמונאַר 8

געהויערע יאטקע". — א ר ט ו ר א ר נ ו
א י ן „ד י ק ר ב נ ו ת פ ו ן ד ע ר
ק א מ ו נ ע".



## קאָמונאַר 9

„בירגערינס פון פאריז, אייניסלאר פון די פרוי־
ען פון דער גרויסער רעוואלוציע, וועלכע זיינען
אמאל אין נאמען פון פאלק און פון גערעכטי־



### קאָמונאַר 10

קייט אוועק קיין ווערסאל און האבן פון דארטן נעבראכט לואי דעם 16טן! ווען מיר, פראנצויזישע מאמעס, ווייבער און שוועסטער, דער־



### קאָמונאַר 11

לאזן אז נוים זאל אונזערע קינדער מאכן פאר אונזערע שונאים, אז פאטערס זאלן נײן קענן קינדער, אז א ברודער זאל הרג'ענען א ברודער,



### קאָמונאַר 12

לוים'ן באפעל פון די וואס האבן פריער אפגע־נעבן פאריז די פרייסן און איצטער ווילן זיי פא־ריז אומברענגען?



### קאָמונאַר 13

בירגערינס! עס איז אָנגעקומען די אנטשיידנ־
דיקע שעה! מען דאַרף פאַרענדיקן מיט דער
אַלטער וועלט. זעט: ניט נאָר פראַנקרייך אַליין



### קאָמונאַר 14

איז אויפגעשטאַנען—די אויגן פון דער גאַנצער
ציוויליזירטער וועלט זיינען געווענדעט אויף פאַ־
ריז, אַלע קוקן אויס אויף אונזער זיג, כדי דער־



### קאָמונאַר 15

נאָך זאָלן זיי זיך אויך דערשלאָגן פרייהייט".
(פונ'ם אויפרוף פון "אַ גרופּע בירגערינס", דעם
11טן אַפּריל, 1871, פּאַריז).




## קאָמונאַר 16

107. טויזנט קרבנות—אזוי האט זיך די גרויס־בורזשואזיע נוקם געווען פאר דער „מאנאטלא־כער רעוואלוציע“. (ע. ליסאגארע).



## אַנטואַן אַרנאָלד

1871—

